

בסייעתא דשמיא

אידיש

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

ויחי תשפ"ד • זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות • גליון 344

## אמרות שמשון

### יעקב אבינו בעט יוסף זאל זיך אנשטרענגן צו באקומען ערלויבעניש פון פרעה

**שִׂים נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי וְעָשִׂיתָ עִמָּדִי חֶסֶד וֶאֱמֶת אַל נָא תִקְבְּרֵנִי בְּמִצְרָיִם** (מז, כט), פונעם לשון הפסוק איז משמע, אז יעקב אבינו בעט א 'בקשה' פון יוסף אז ער זאל אים געבן א שבועה אז ער וועט אים נישט באגראבן אין מצרים, (אזוי ווי מען בעט א טובה פון א פרעמדע מענטש). מען קען ערקלערן פארוואס יעקב אבינו האט נישט 'באפוילן' אז יוסף זאל אים געבן א שבועה, אז ער וועט זיכער מאכן אים נישט צו באגראבן אין מצרים, (אזוי ווי א טאטע וואס באפעלט זיין זון).

**דער** פשט איז, וויבאלד יעקב אבינו האט געוואוסט אז ער קען נישט באפעלן יוסף מיט א שבועה אז ער זאל זיכער מאכן אים ארויסצונעמען פון מצרים, וויבאלד עס ליגט נישט אין זיין הענט, ער מוז צוקומען צו די ערלויבעניש פון פרעה, און עס קען זיין אז פרעה וועט אים נישט לאזן ארויסנעמען יעקב אבינו פון מצרים, און א טאטע וועט נישט בעטן א קינד עפעס וואס ער ווייסט אז עס ווענד זיך נישט אינעם קינד. דעריבער האט יעקב געבעטן פון יוסף, ער זאל אים געבן א שבועה אז ער וועט זיך אנשטרענגן און טון אלעס וואס ער קען, כדי פרעה זאל אים ארויסלאזן פון מצרים. און דאס איז די שבועה וואס יוסף האט געשווארין, ער האט געזאגט (שם, ל) **אָנֹכִי אֶעֱשֶׂה כִדְבָרֶךָ**, (דאס ווארט 'כדברך' איז לכאורה איבריג, נאר עס איז מרמז, אז יוסף זאגט איך וועל טון 'כדברך' - אזוי ווי דיין בקשה - אז איך זאל גיין בעטן פרעה און טון אלעס וואס איך קען דיר ארויסצונעמען פון מצרים, אבער אויב וועט ער נאכאלץ נישט מסכים זיין, וועל איך זיין נישט מחויב אויף די שבועה. (אות ד)

### יוסף ווערט באצאלט פארן זיך מטריח זיין מיט די קבורה

**וְעָשִׂיתָ עִמָּדִי חֶסֶד וֶאֱמֶת אַל נָא תִקְבְּרֵנִי בְּמִצְרָיִם** (מז, כט), יעקב אבינו האט באשוואוירן יוסף הצדיק ער זאל אים נישט באגראבן אין מצרים. און רש"י ערקלערט אויפן ארט (ד"ה חסד ואמת) 'חסד שעושין עם המתים הוא חסד של אמת, שאינו מצפהו לתשלום גמול', עס איז אן אמת'ע חסד וואס מען וואַרט נישט צו ווערן באצאלט. די מפרשים באמערקן (עיין רא"ם וביפה תואר) אז יעקב האט יא באצאלט יוסף פאר די קבורה, אזוי ווי רש"י (ד"ה ואני) ברענגט אויפן פסוק (מח, כב) **וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם אַחַד עַל אַחֶיךָ**, 'לפי שאתה טורח להתעסק בקבורתי'.

**מען** קען ערקלערן, די בקשה פון יעקב צו יוסף איז בלויז געווען אז ער זאל זיכער מאכן מען זאל אים נישט באגראבן אין מצרים, און דאס איז געווען א 'חסד של אמת' אן קיין שום באצאלונג, אבער וויבאלד יעקב אבינו האט געזען ברוח קדשו, אז יוסף וועט זיך נישט באגנוגענען בלויז מיטן זיכער מאכן אז מען טראגט אים ארויס פון מצרים, נאר ער אליינ'ס וועט זיך באשעפטיגן מיט די קבורה (עיין סוטה ט: ובדברי רבינו בפרשתן אות ו'), דעריבער האט יעקב אבינו צוגעלייגט אן עקסטערע באצאלונג. מיט דעם פארשטייט מען פארוואס יוסף האט זוכה געווען אז ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים, האט משה רבינו זיך אליינ'ס מתעסק געווען אים ארויסצונעמען די ארון פון יוסף (אנדערש פון אלע ברודער), וויבאלד דאס איז געווען אלס שכר וואס ער אליינ'ס האט זיך מתעסק געווען מיט די קבורה פון זיין טאטע יעקב, (סוטה שם וברש"י שם ד"ה ואין באחיו). (אות ה)

### יעקב אבינו באטראכט די קינדער פון יוסף

**וְהִנֵּה הֶרְאָה אֹתִי אֱלֹקִים גַּם אֶת זַרְעֶךָ** (מח, יא), לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס זאגט יעצט יעקב פאר יוסף אז ער זעט זיינע קינדער, יעקב איז שוין געווען זיבעצן יאר אין מצרים, וואס במשך די צייט האב ער געזען די קינדער פון יוסף אומצאָליגע מאל און געלערנט מיט זיי תורה (רש"י מח, א ד"ה ויאמר). נאר דער פשט איז, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין רש"י (מח, ח ד"ה וירא), ווען יעקב אבינו האט געוואלט בענטשן מנשה און אפרים האט זיך אפגעטון פון אים די שכינה, האט ער מורא געהאט אז אפשר איז חלילה דא א פגם אין די קינדער און זענען נישט ראוי צו ווערן געבענטשט. דערמיט קען מען ערקלערן פשט אין פסוק, דאס וואס יעקב האט אנגעקוקט די קינדער איז נישט קיין געווענליכע 'ראיה', דאס איז געווען א אינערליכע רוחניות'דיגע ראי', וואס יעקב האט געקוקט אויף די קינדער אויב זיי זענען כשר און ערליך (עיין זוה"ק ויחי רכז:), און ער האט געזען אז יוסף האט טאקע נישט געזינדיגט אין מצרים, און די קינדער זענען ערליך און ריין, זיי זענען ראוי צו באקומען די ברכה. און יעקב אבינו האט זיי טאקע געבענטשט. דערפאר האט יעקב אבינו צוגעלייגט א ספעציעלע ברכה מער פון אנדערע שבטים (מח, טז) **וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ**, עס זאל נישט שולט זיין אויף זיי א שלעכט אויג, דאס איז געקומען 'מדה כנגד מדה' זיי צו באצאלן צוליב וואס ער האט זיי חושד געווען און געקוקט אויף זיי מיט א שלעכט אויג, אז אפשר האבן זיי א פגם ח"ו. (אות י)




לומדים זרע שמשון
תורמים ורואים ישועות אל תחמיצו!
02-80-80-500
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.


• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת |
|---|---|---|---|---|---|
| צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים | דניאל אודי בן דגי'נה מלכה שיזכה לברכה והצלחה ולהשלמת העסקאות בקרוב ממש | רבי שאול בן יוסף ספיד ז"ל נלב"ע י"ז טבת תשפ"א ת.נ.צ.ב.ה. | הרבני הנכבד רבי רפאל צבי מאיר בן הרה"ג רבי אברהם בנימין זילברברג זצ"ל נלב"ע י"ט טבת תש"כ ת.נ.צ.ב.ה. | הרב חיים צבי בן אברהם יוחנן הולנדר זצ"ל נלב"ע כ"א טבת תשפ"א ת.נ.צ.ב.ה הוקדש ע"י אהרן ושיינדל הולנדר | האשה החשובה מרת מרים גיטל בת הרה"ח רבי בנציון ע"ה גאלדשטיין נלב"ע כ"ג טבת תש"ע ת.נ.צ.ב.ה. נדבת בנה הרה"ח ר' יעקב שלמה שליט"א והתנה הרה"ח ר' מנחם בנימין פאשקעס שליט"א זכות רבנו יעמוד להם להתברך בכל מעשי ידיהם |

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

עס פארציילט הרב חיים ה. הי"ו
פון עיה"ק ירושלים תובב"א:

## א ישועה פון אויבן

**דעם** פארלאפענע זוממער האב איך ב"ה זוכה געווען זיך אריינצוציען אין מיין אייגענע דירה בשעה טובה ומוצלחת, דאס איז געקומען נאך לאנגע יארן וואס איך האב געוואנדערט פון איין געדינגענע דירה צום צווייטן. עס האט געהערשט א גרויסע שמחה און פרייד אז דער איבערשטער האט געהאלפן מען האט ב"ה מצליח געווען אריינצוגיין אונטער אן אייגענע דעכל, מען האט איינגערישט די גאנצע דירה פון דאסניי, מען האט געקויפט נייע מעבל און אלע צוגעהערן וואס עס האט אויסגעפעלט.

**אזוי** איז אריבער עטליכע מאנאטן וואס מען האט זיך ב"ה פיין פלאצירט אינעם נייען דירה, ביז עס איז אנגעקומען די ווינטער. נאכן ערשטע ווינטער'דיגע רעגן וואס עס האט זיך אראפגעלאזט העכער די ירושלים'ע הימל, האט איך באמערקט אז עס רעגנט אריין פונעם דאך. אין אנהייב איז עס נאר געווען ביי די עקן פונעם דאך, וואס האט בלויז אויסגעזען ווי א פאכטקייט וואס דרינגט אריין פון אינדרויסן, אבער נאך עטליכע טעג האב איך באמערקט אז דאס איז אן ערנסטע ליע"ק, וואס פאדערט זיך א באלדיגע לעזונג, וואס מען מוז ווי שנעלער פארריכטן.

**איך** האב זיך גלייך פארבינדן מיט קאנטראקטער וועלכע האט געבויעט די דירה, איך האב פארציילט וואס עס האט פאסירט, און ער האט פארשפראכן אז ער וועט דאס מסדר זיין ווי אמשנעלסטן.

**למעשה** איז אריבער עטליכע טעג, די רעגן האט זיך פארשטערקערט, און איך האב באמערקט אז עס איז עפעס א יסודות'דיגע פראבלעם פון די גאנצע דאך, און מען האט שוין געקענט אנזען די ליע"ק אין אכט עקסטערע פלעצער אויף די דאך, עס איז געווארן ערגער און ערגער, און עס האט אנגעהויבן צו קאליע מאכן די נייע מעבל וואס מען האט נארוואס איינגערישט.

**מען** דארף נישט פארשטעלן די גרויסע עגמת נפש וואס דאס האט פארשאפט, איך האב געשפירט אז עס וואלט זיך שוין ענדערט געלוינט צו וואוינען ערגעץ אנדערש אין א געדינגענע דירה, ווי איידער אין א אייגענע דירה וואס מען האט נישט א געהעריגע דאך איבערן קאפ, און טראץ וואס דער קאנטראקטער איז אריבערגעקומען עטליכע מאל און פראבירט צו פארריכטן די דאך, האט זיך נישט דערקענט קיין שום פארבעסערונג.

**אזוי** האט זיך עס פארצויגן עטליכע שווערע וואכן, און מען האט בשום אופן נישט קענען צוטרעפן א לעזונג דערפאר.

**אינצווישן** האב איך זיך דערמאנט פון דער הייליגער מסוגל'דיגער ספר 'זרע שמשון', ווי דער מחבר זי"ע זאגט צו 'בתים מלאים כל טוב', דעריבער האב איך גלייך אינדערפרי אנגעהויבן צו לערנען דעם ספר פאר א לענגערע צייט. דערביי האב איך אויך מנדב געווען א שיינעם סכום צום 'איגוד העולמי להפצת תורת הזרע שמשון', צו אטייל נעמען און האבן א זכות אין די גרויסע זיכוי הרבים.

**איך** האב צוגעלייגט מיין פערזענליכע בקשה, אז אזוי ווי איך האב ערפילט די בקשה פונעם הייליגן מחבר וואס האט געבעטן מען זאל לערנען זיינע תורות, זאל דער אויבערשטער מיר העלפן און אויסהערן מיין בקשה, די ישועה זאל קומען ווי שנעלער.

**נאך** אינעם זעלבן טאג! איז דער קאנטראקטער נאכאמאל געקומען, ער האט פארברענגט אויפן דאך עטליכע שעה, און ממש צום סוף זאגט ער מיר אז ער האט ב"ה געטראפן די פראבלעם, און ער האט דאס גענצליך מסדר געווען, און ער לייגט צו: "איך קען נישט פארשטיין וואס איז געווען ביז היינט אז איך האב נישט געקענט צוטרעפן די שורש פון די פראבלעם".

**פירט** אויס ר' חיים: ער האט טאקע נישט געקענט פארשטיין וואס האט זיך געטוישט היינט פון נעכטן, אבער איך האב זייער גוט פארשטאנען, דאס איז געווען דער הייליגער זרע שמשון זי"ע, בזכות זיין גרויסע ברכה און הבטחה, האט מען ב"ה געהאט א באזונדערע סייעתא דשמיא מען זאל קענען צוטרעפן די פראבלעם, און טאקע אינעם זעלבן טאג איז אנגעקומען 'א ישועה פון אויבן', פון הימל האט מען אנגענומען מיין בקשה בזכות דער הייליגער צדיק זי"ע.

**לפרסום ישועתכם בזכות לימוד המסוגל הזרע שמשון לזיכוי הרבים:**

ניתן לשלוח את סיפור הישועה: למייל: zera277@gmail.com או להתקשר 05832-80300

או בהשארת הודעה בטל: 02-80-80-600 שלוחה 7


ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצייגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברבר: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
ארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון
מתוך הבטחות וברכות המחבר: ושיזכו לבנים ובני בנים חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב, גם עושר גם כבוד לא יחסר לכם, ויזכו לאורך ימים ושנים טובים וגם יזכו לבנים ובני בנים חכמים ונבונים, וכתים מלאים כל טוב

זרע שמשון ע"ר 580624120

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו